# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:17
מוצאי שב"ק...................5:47

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ישעיה נ"ח-נ"ט
בבלי.......................נדרים כ"ה
ירושלמי..................ברכות ו'
תוספתא................יום טוב ד'
רמב"ם..................שכירות ב'

פרשת חיי שרה, כ"ה חשון, מברכים חודש כסליו, שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 8 (578)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיָּבֹא אַבְרָהָם לִסְפֹּד לְשָׂרָה וְלִבְכֹּתָהּ, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן דִי עֲקֵדָה הָאט עֶר שׁוֹין גְלַייךְ גֶעהַאט נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן, זַיין וַוייבּ אִיז אַוֶועק, וִוי רַשִׁ"י זָאגְט: "נִסְמְכָה מִיתַת שָׂרָה לַעֲקֵדַת יִצְחָק, לְפִי שֶׁעַל יְדֵי בְּשׂוֹרַת הָעֲקֵדָה, שֶׁנִּזְדַּמֵּן בְּנָהּ לִשְׁחִיטָה, וְכִמְעַט שֶׁלֹּא נִשְׁחַט, פָּרְחָה נִשְׁמָתָהּ מִמֶּנָּה וּמֵתָה", דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר שָׂרָה אַז מֶען הָאט אַרוֹיפְגֶעבְּרֶעגְנְט אִיר זוּן צוּ שֶׁחְטְ'ן אִיז זִי גֶעשְׁטָארְבְּן; נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ פְּלַאץ וואוּ אִיר צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייְדְט אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נִישְׁט טְרֶעפְנְדִיג קַיין פְּלַאץ וואוּ אִיר צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן 'עֶפְרוֹן' וָואס הָאט אִים גֶעמַאכְט צוּ נַאר, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר גֶעבְּט דֶעם שְׁטִיקְל פֶעלְד דִי מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אוּמְזִיסְט אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶערוֹיף טֵייעֶר גֶעלְט. זֶעט מֶען דָא אַז וואוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען, וואוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר נָאר גֶעהַאט נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט שְׁוֶועריקַייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶע צַדִיקִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאס אִיז אָבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִיק אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים פִילֶע שְׁוֶועריקַייטְן דָאךְ גְלֵייבְּט עֶר וַוייטֶער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין קַשְׁיוֹת.

בִּפְשְׁטוּת זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל צוּקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה פוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק, אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט דִי לִימוּדִים פוּנֶעם צַדִיק, קֶען אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס סְפָרִים, קֶען יֶעדֶער פָּשׁוּטֶער אִיד צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת. הַיינְט אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ בִּיטוּל הַבְּחִירָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי 'שִׂיחוֹת' פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער אַז עֶר מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מוֹהֲרָא"שׁ'ס סְפָרִים, אִין דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוֹן אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן קוּנְטְרֵסִים אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, קֶען אֲפִילוּ דֶער פָּשׁוּטְסְטֶער מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף גוּט, עֶר טוּט גוּטֶע זַאכְן, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אָבֶּער עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל וֶוערְן גֶעהָאלְפְן, הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס אָן טְרַאכְטְן: "וָואס הֵייסְט? וָואס גֵייט פָּאר מִיט מִיר? אִיךְ זֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער דַאוֶוענְט נִישְׁט - אוּן עֶס גֵייט אִים גוּט, דֶער לֶערְנְט נִישְׁט - אוּן עֶר קוֹיפְט אוּן פַארְקוֹיפְט, עֶר אִיז מַצְלִיחַ, דֶער טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן - אוּן אַלֶעס גֵייט אִים כְּסֵדֶר, אוּן אִיךְ בִּין אַזוֹי גוּט, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ זַיין אַזוֹי עֶרְלִיךְ, אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה!" דַארְף עֶר גֶעדֶענְקְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִיק, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע סֶדְרוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעצְט, וואוּ מֶען זֶעט וִוי דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט, דִי פְּלִשְׁתִּים הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט דִי קְוֶועלֶער וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגְרָאבְּן אוּן יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט זוּכְן וַואסֶער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי אִיז עֶס מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶר זוּכְט צוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, דַארְף עֶר וִויסְן דָאס וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִיז גוּט.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִיק, אוּן דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט דִיבּוּרִים פוּן אַ צַדִיק, אוּן הָאט אַ שַׁייְכוּת מִיטְ'ן צַדִיק; וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הָאבְּן אַ שַׁייְכוּת מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? אַז מֶען וֶועט אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין זִיךְ, מֶען וֶועט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים - דַאן בַּאקוּמְט מֶען אַ שַׁייְכוּת צוּם רֶבִּי'ן. לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים, לָאמִיר מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל'. אַז מֶען לֶערְנְט 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' - הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת; אַלֶעס לִיגְט דֶערִין, דָאס וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים זֶענֶען מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדֶע תְּפִלָּה גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וָואס אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה אִיז וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אָבֶּער מַיינֶע תְּפִלּוֹת אוּן מַיין גֶעוֵויין פַאלְן נִישְׁט אַוֶועק, עֶס וֶועט מִיר בְּרֶענְגֶען אַ אַנְדֶערֶע יְשׁוּעָה וָואס אִיז יָא גוּט פַאר מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ גֶעבְּן אַנְשְׁטָאט דֶעם.

מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן "פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן?" וַוייל דָאס אִיז זִיכֶער גוּט פַאר מִיר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען דָאס גוּטְס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז אַזוֹי אִיז גוּט פַאר מִיר".** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיוּת

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג זָארְגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, צוּ זֶען אוֹיבּ יֶענֶער הָאט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף. אוּן אוֹיבּ הָאט יֶענֶער נִישְׁט, דַארְף מֶען זֶען מִיט וָואס עֶר קֶען יֶענֶעם אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין זַיין פְּרָאבְּלֶעם.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ צוּ זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס רוּחְנִיוּת, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז יֶענֶער טוּט טַאקֶע נָאר וָואס עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נִישְׁט רִיכְטִיג. אַוַדַאי דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן מְחַזֵּק צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן, אִים צוּ זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אַזוֹי אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיוּת. אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין שׁוּל אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן אוּן עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת אוּן מֶען הָאט אִים שׁוֹין מַמָּשׁ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן זַיין דִירָה. אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אִיז צוּקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זַיין תְּפִלִּין לִיגְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ... דֶער אִיד הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם: "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? אוֹיבּ זָארְגְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר מִיר, דַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ זָארְגְן פַאר מַיין גַשְׁמִיוּת אוּן נִישְׁט פַאר מַיין רוּחְנִיוּת"...

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזֶען וָואס דָארְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם

<<<<<<

## א גוט ווארט

זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת - שַׁחְרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב; דַאוֶוען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, מִיט אַ סִידוּר; דָאס זָאל זַיין דַיין שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ, דַיין וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - וַוייל דָאס הַאלְט דֶעם אִיד שְׁטַארְק צוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד אוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דוּ וֶועסְט הָאבְּן שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, עֶס וֶועט דִיר אוּנְטֶערְקוּמֶען שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; אֵיין טָאג וֶועסְטוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט פַּרְנָסָה, אַ צְוֵוייטֶע טָאג מִיט דַיין וַוייבּ, אַ דְרִיטֶע טָאג מִיט אַנְדֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען - דָאךְ זָאלְסְטוּ אַלֶעס לֵייגְן אִין דִי זַייט, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן דַאוֶוענֶען - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם שׁוּל אוּן דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם - וֶועסְטוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תשפ"ג)



דער מולד וועט זיין: מיטוואך נאכט 28 מינוט און 8 חלקים נאך 10 | ראש חודש כסליו יהיה ביום החמישי ולמחרתו ביום השישי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אֵייעֶר קִינְד שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט; דָא הָאט אִיר אַ סְגוּלָה פַאר אַ רְפוּאָה פַאר אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן.

אַמָאל אִיז דִי צַדֶיקֶת שָׂרָה - דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער - זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן אִיר טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - אִיז אִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען וִוי שָׂרָה'קֶע אִיז אַזוֹי פַארְשְׁלַאפְט הָאט עֶס אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן מִיט אַ פַארְקְלֶעמְט הַארְץ אוּן הָאט אַייְנְגֶעדְרִימְלְט, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן - קוּמְט צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן פְרֶעגְט אִים: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּצַעַר?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ בִּין בְּצַעַר וֶועגְן מַיין טָאכְטֶער, וָואס זִי אִיז אַזוֹי קְרַאנְק".

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין תְּהִילִים, אִין פָּסוּק (תְּהִילִים מג, נא): "מַגְדִיל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ", דִי כַּוָונָה אִיז, 'מַגְדִיל יְשׁוּעוֹת' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, 'מַלְכּוֹ' פַאר דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְלָכִים (מַאן מַלְכֵי רַבָּנָן [גִּיטִין סב.]) 'וְעֹשֶׂה חֶסֶד' אוּן עֶר טוּט חֶסֶד, 'לִמְשִׁיחוֹ' פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן, 'מָשִׁיחַ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁמוּעֶסְן, מֵסִיחַ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט וואוּנְדֶער פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "דוּרְךְ סִיפּוּרֵי צַדִיקִים וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן הוֹיבְּט אָן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, דֶער מַהַרְשָׁ"א (מ'וֹרֵינוּ הָ'רַב רַ'בִּי שְׁ'מוּאֵל אֱ'לִיעֶזֶר אֵ'יידְלִיס) זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא - דִי שְׁטָאט וואוּ דֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב - אַ גְרוֹיסֶע קְלוֹיסְטֶער, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טוּמְאָה, אוּן נִישְׁט וַוייט פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען דֶער אִידִישֶׁער בֵּית הַחַיִּים פוּן דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא, אוּן יֶעדֶע מָאל עֶס פְלֶעגְט זַיין אַ לְוַיָּ' פְלֶעגְט מֶען דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי קְלוֹיסְטֶער, אוּן דִי גְלֶעקְלֶעךְ פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער פְלֶעגְן זִיךְ צוּקְלִינְגֶען אוּן פַארְכַאפְּן דִי מֶענְטְשְׁן אִין דִי טוּמְאָה.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א הָאט גֶעוואוּסְט פוּן דִי טוּמְאָה, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט זַיין מִטָּה דֶעם קְלוֹיסְטֶער זָאל מֶען לֵייגְן אוֹיפְ'ן בֶּעט זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר חִידוּשֵׁי מַהַרְשָׁ"א. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן מֶען הָאט גֶעפִירְט זַיין מִטָּה דוּרְךְ דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן טוּמְאָה, אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס דִי מִטָּה אִיז אַרִיבֶּער דִי טוּמְאָה אוּן דִי גְלֶעקְלֶעךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין בֶּעט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם קוּקְט זִיךְ צוּ, עֶס אִיז אַ פַּחַד אַ שְׁרֶעק צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א נָאכְן פְּטִירָה זִיצְן אוּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער, אוּן אַזוֹי מִישְׁנְדִיג זֶעט מֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דִי קְלוֹיסְטֶער הוֹיבְּט אָן אַייְנְזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד, יֶעדֶע בְּלַאט וָואס דֶער מַהַרְשָׁ"א מִישְׁט - גֵייט אַרָאפּ דִי גַאנְצֶע טוּמְאָה מֶער אוּן מֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט אַלֶע חֲפֵצִים; בִּיז מֶען הָאט אִיר שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעזֶען אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ זֵכֶר, אַ סִימָן - דָארְט אַרוּם דִי פְּלַאץ עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט שָׂרָה'קֶע זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן גוּט צוּ שְׁפִּירְן, אוּן זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַ רְפוּאָה, אוֹיךְ רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פְלֶעגְט דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְן פַאר חוֹלִים.

דֶערְצֵייל אִים דִי מַעֲשֶׂה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער
זָאל הֶעלְפְן אֵייעֶר קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"ג)



אִיד אוּן הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אוּן דַאן אִיז מוֹהַרָא"ש אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן: "קוֹדֶם זָארְג זִיךְ פַאר מַיין גַשְׁמִיוּת. מִיט מַיין רוּחְנִיוּת וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, מִיט מַיין גַשְׁמִיוּת וָואלְסְטוּ מִיר גֶעקֶענְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן"...

רֶבִּי מֶעכֶעלֶע ז"ל - עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן רֶבִּי יִצְחָק ז"ל, דֶער זוּן פוּן רֶבִּי נָתָן - הָאט אַמָאל גֶעהַאט צוּ זִיךְ אַלְס גַאסְט, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער ז"ל. רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי מֶעכֶעלֶע אַז עֶר זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן בַּייְנַאכְט בַּיי חֲצוֹת. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן דֶערוֹיף. הָאט אִים רֶבִּי מֶעכֶעלֶע גֶעזָאגְט: "מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט מִיר נָאכְזָאגְן פוּן מַיין זֵיידְן רֶבִּי נָתָן אַז אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ דַארְף זִיךְ נָאר זָארְגְן פַאר דִי גַשְׁמִיוּת פוּן זַיין גַאסְט, אוּן נִישְׁט אוֹיף זַיין רוּחְנִיוּת.

דָאס אָבֶער נִישְׁט נָאר בַּיי אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ. מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוּן לַאו דַוְקָא בְּרוּחֲנִיוּת, נָאר טַאקֶע בְּגַשְׁמִיוּת.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶער זַיין גְרֵייט נִישְׁט צוּ וַוארְטְן אוֹיף אַן הַכָּרַת הַטּוֹב. נִישְׁט אֵייבִּיג וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיף דֶעם וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהָאלְפְן. לֵיידֶער אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע טֶבַע בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם וָואס הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן אַמָאל קֶען עֶס נָאךְ גֵיין נָאךְ וַוייטֶער אַז יֶענֶער אִיז גָאר אַ "מְשַׁלֵּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה" - אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן מַכִּיר טוֹבָה זַיין, וֶועט גָאר יֶענֶער צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען אַ אִיד מֵיינְט עֶס אָבֶער מִיט אַן אֶמֶת, עֶר וִויל בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם. עֶר וֶועט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ וֶוען עֶר בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק דֶערְפַאר.

וֶוען אַ אִיד דַארְף הִילְף, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט דַאן זָארְגְן אוֹיף זַיין רוּחְנִיוּת, נָאר זֶען מִיט וָואס מֶען קֶען אִים הֶעלְפְן, אַמָאל קֶען מֶען אִים הֶעלְפְן בְּגוּף אוּן אַמָאל מִיט גֶעלְט, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען אַז יֶענֶער זָאל אַרוֹיסְגֵיין אַ צוּפְרִידֶענֶער. מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן כָאטְשׁ וָואס מֶען קֶען.

מוֹהַרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פַארְלָאפְן אִין דִי צַייט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וָואס פוּן דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ לֶערְנֶען דִי הַארְבְּקֵייט פוּן צוּרִיק צוּ הַאלְטְן דִי הִילְף פוּן אַ צוּבְּרָאכֶענֶעם אִיד.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס דִי רָאשֵׁי קְהִלָּה הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט אַ צְדָקָה קַאסֶע מִיט וָואס זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן דִי אָרִימֶעלַייט פוּן שְׁטָאט. אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּזַאם גֶעזֶעצְט אוֹיף אַן אֲסִיפָה דוּרְכְצוּגֵיין דִי בִּיכֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג הַכְנָסוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ שְׁנַיידְן דִי הוֹצָאוֹת צוּ קֶענֶען בַּאלַאנְצִירְן דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט. אָבֶער אַנְשְׁטָאט צוּ שְׁנַיידְן פוּן דִי אוּמְוִויכְטִיגֶע אוֹיסְגַאבְּן, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּ שְׁנַיידְן פוּן דִי צְדָקוֹת אִין שְׁטָאט, צוּ גֶעבְּן וֵוייְנִיגֶער גֶעלְט פַאר דִי אָרִימֶעלַייט אִין שְׁטָאט.

דָארְט אִין שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן וָואס הָאט מַמָשׁ גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי צְדָקָה קַאסֶע, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוֹיסֶער דֶעם. עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע פוּן דִי צְדָקָה קַאסֶע, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט. וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁנַיידְן פוּן דִי צְדָקוֹת, אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג גֶעוָוארְן דָאס לֶעבְּן. עֶס הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דֶעם, נָאר צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶעבְּן נָאךְ וֵוייְנִיגֶער אוּן וֵוייְנִיגֶער, בִּיז דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מַמָשׁ הוּנְגֶערְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט.

דֶער בַּאשְׁלוּס צוּ גֶעבְּן וֵוייְנִיגֶער צְדָקָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ גֶעוִויסְן רָב וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי קַאסֶע. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מַמָשׁ בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל, הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע קִטְרוּג אִין הִימְל אוֹיף דֶעם רָב. אוּן עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אִים גָאר אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף רח"ל.

עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶגְבֶּערְן אִינֶעם קָאפּ פוּן דֶעם רָב מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דוּרְךְ קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וִויל זִיךְ גֵיין שְׁמַדְ'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אֵיין מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז עֶר אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם גַלָח פוּן שְׁטָאט אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר וִויל זִיךְ שְׁמַדְ'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם קִטְרוּג וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִים אִין הִימְל אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁנִיטְן דִי צְדָקוֹת אוּן דִי אָרִימֶעלַייט זֶענֶען אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הוּנְגֶער.

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

פַארְ'ן גַלַח הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט דֶער גַאנְצֶער עֵסֶק, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אַ חָשׁוּב'עֶר רָב זִיךְ פְּלוּצְלִינְג וֶועלְן שְׁמַדְ'ן? עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דָאס אִיז אֶפְשָׁר עֶפֶּעס אַן אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ מִיט וָואס מֶען וִויל אִים עֶפֶּעס אָפְּטוּן. און דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעיָאגְט צוּ עֶרְפִילְן דֶעם רָב'ס פַארְלַאנְג.

עֶר הָאט קוֹדֶם אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם רָב און אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען זִיךְ צוּ זֶעצְן עֶפֶּעס עֶסְן און אַזוֹי דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן דִי זַאךְ. אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רָב אַ שְׁטַארְקֶע בְּרָאנְפְן, פוּן וָואס דֶער רָב הָאט גֶעטְרִינְקֶען אַבִּיסְל און נָאךְ אַבִּיסְל, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִינְגַאנְצְן שִׁיכּוֹר און אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶעכְן, און אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן דָארְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶער עֶרְד.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז נָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעזִיצְן בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי שְׁטָאט מֶעזֶעבִּיזְשׁ, און עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַלֶעס וָואס גֵייט נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער אוֹיף דֶעם רָב. און עֶר הָאט פְּלוּצְלִינְג בַּאפוֹילְן פַאר אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר זָאל גְלַייךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן און מַאכְן הַבְדָּלָה, און אַיינְשְׁפַּאנֶען דִי פֶערְד און אַרִיבֶּערְפָארְן צוּ יֶענֶעם שְׁטָאט צוּם גַלַח'ס הוֹיז. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, און אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען דָארְט, וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ דַארְפְסְט צוּ טוּן".

דֶער תַּלְמִיד אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן און גֶעטוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּאפוֹילְן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם גַלַח'ס הוֹיז און גֶעעֶפְנְט דִי טִיר, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער רָב לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אִינְגַאנְצְן פַאר'שִׁיכּוֹר'ט. דֶער רָב הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט און גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, דֶער גַלַח הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶער תַּלְמִיד הָאט אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר דַארְף טוּן. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, און עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רָב. עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם רָב זִיךְ צוּ גֵיין וַואשְׁן דִי הֶענְט און מַאכְן אַן הַמּוֹצִיא, און דֶער רָב הָאט זִיךְ מְחַי' גֶעוֶוען.

נָאכְ'ן עֶסְן דִי חַלָּה, הָאט דֶער רָב בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט אֶמֶת'דִיג חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף זַיינֶע נַארִישֶׁע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא נִידְרִיגֶע מַצָּב, עֶר אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם גַלַח'ס הוֹיז און עֶר הָאט אֶמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקֵייט וֶוען מֶען הַאלְט נָאר צוּרִיק דָאס הִילְף וָואס אַ אִיד הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען. און עֶס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז פַארְקֶערְט, וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן יָא צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵויִיטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אַסַאךְ מֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן און גְרִינְגֶער מַאכְן דָאס לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם צְוֵויִיטְן אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ עֶזְרָה וְחֵלֶק ט' עֶרֶךְ צְדָקָה)



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר צֶעמִישְׁט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ אַ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ מַאךְ לֶעצְטְנְס הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִישְׁט מְסוּדָר וָואס און וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, אִיךְ רֶעד סְתַּם וָואס עֶס קוּמְט מִיר אַרוֹיף, מַיין קָאפּ לוֹיפְט פוּן אֵיין זַאךְ צוּם צְוֵויִיטְן, און אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט. אִיז דָא עֶפֶּעס אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן וָואס צוּ רֶעדְן קוֹדֶם און נָאכְדֶעם?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת דַארְף מֶען הָאבְּן סַבְלָנוּת, דָאס בַּארוּאִיגְט מִיר אַז סְ'אִיז גוּט וִוי סְ'זָאל נָאר זַיין, דֶער עִיקָר אַז מְ'רֶעדְט אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת און אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אוֹיסְקְלָארְן און עֶנְטְפֶערְן וִוי אַזוֹי אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ט סִיוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; אִין אָנְהֵייבּ אִיז מֶען נִישְׁט מְסוּדָר, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן, מֶען פָארְט אַרַיין פוּן אֵיין שְׁמוּעֶס צוּ אַן אַנְדֶערֶע שְׁמוּעֶס, מֶען הֵייבְּט אָן בֶּעטְן אוֹיף אֵיין זַאךְ און מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען, הֵייבְּט מֶען אָן בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן; אַ רֶגַע שְׁפֶּעטֶער הֵייבְּט מֶען אָן דַאנְקֶען, מֶען אִיז צֶעמִישְׁט אָן אַ שִׁיעוּר.

מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט מְסוּדָר בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן - דַארְף מֶען וַוייטֶער אַזוֹי רֶעדְן. אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד וֶוען מֶען הֶערְט וִוי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאגְט נָאר אֵיין וָוארְט. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז אַלֶעמָאל זָאגְן דֶעם בֵּיישְׁפִּיל וִוי שְׁטַארְק אַ טַאטֶע מַאמֶע פְרֵייעֶן זִיךְ וֶוען זֵיי הֶערְן זֵייעֶר קְלֵיין קִינְד הֵייבְּט אָן רֶעדְן הַאלְבֶּע וֶוערְטֶער, מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן דֶעם, מֶען הָאט אַזַא תַּעֲנוּג און שַׁעֲשׁוּעִים וֶוען דֶער קִינְד מוּרְמְלְט עֶפֶּעס וֶוערְטֶער, אָדֶער אֲפִילוּ דֶער קִינְד מַאכְט נָאר אַ קוֹל. מֶען פְרֵיידְט זִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט אַזַא גֶעשְׁמַאק; כָּל שֶׁכֵּן וְקַל וָחוֹמֶר אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוערְט אַזַא גֶערוּדֶער, אַזַא פְרֵייד - וֶוען מֶען הֶערְט אַ קְרֶעכְץ, אַ קוֹל, אַ וָוארְט, אַ גֶעשְׁרֵיי: 'טַאטֶע!' און זִיכֶער וֶוען מֶען זָאגְט אַ זַאץ: 'טַאטֶע הֶעלְף מִיר!' 'טַאטֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער!' 'טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין גוּט!' 'טַאטֶע אִיךְ מֵיין נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס!' 'טַאטֶע, זֶע מַיין הַארְץ'; עֶס וֶוערְט אַ שִׂמְחָה אִין אַלֶע וֶועלְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמ): "אֲפִילוּ כְּשֶׁאֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר בְּהִתְבּוֹדְדוּת, רַק תֵּבַת 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם', גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד", אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן קַיין וֶוערְטֶער, מֶען קֶען נָאר זָאגְן 'טַאטֶע' - אִיז דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב.

אֲפִילוּ מֶען קֶען נָאר גֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ: "אוֹי, אוֹי" - אִיז דָאס זֵייעֶר גוּט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר קֶען נִישְׁט עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם, סִימָן תקיא), הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִם כֵּן שׁוֹכְבִין עַצְמָן וְגוֹנְחִין גְּנִיחָה אַחַר גְּנִיחָה", אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער - זָאלְסְטוּ קְרֶעכְצְן, "וְעָשָׂה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ גְּנִיחוֹת תְּכוּפוֹת, כִּמְרֻמָּז שֶׁכַּךְ יַעֲשֶׂה", דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעוִויזְן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן.

הַכְּלָל, דוּ גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין צֶעמִישְׁטֶע וֶועג פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. תְּפִילָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ פַיילְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב) תְּפִילָה אִיז אַזוֹי וִוי גֶעוֶוער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מח, כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי", זָאגְט רַשִׁ"י: "תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה"; וֶוען מֶען שִׁיסְט פַיילְן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס פַאר אַ פַייל וֶועט רִיכְטִיג צוּטְרֶעפְן, מֶען שִׁיסְט פַיילְן, אֲפִילוּ אַלֶע פַיילְן וֶועלְן גֵיין לְאִיבּוּד און נָאר אֵיין פַייל וֶועט צוּטְרֶעפְן - אִיז שׁוֹין גֶענוּג, אַזוֹי אִיז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס פַאר אַ תְּפִילָה וֶועט צוּטְרֶעפְן, וָואס וֶועט מַאכְן אַ רוֹשֶׁם. רֶעד וִוי אַזוֹי עֶס לָאזְט זִיךְ, צֶעמִישְׁטֶערְהֵייט; וַוייל אֵיין וָוארְט וֶועט אָנְקוּמֶען און שְׁפַּאלְטְן אַלֶע הִימְלֶען, עֶס וֶועט בְּרֶענְגֶען דַיין יְשׁוּעָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קנו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דֶער רֶבִּי שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי אוּן דֶערְצֵיילְט מִיט אַ צֶעבְרָאכְן הַארְץ אַז עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר הָאט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף זִיךְ אַלֵיין**

**תקנו**

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שָׁבוּעוֹת, אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת אַזוֹי וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען פְלֶעגְט זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אוּן עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ וִוי עֶר קֶען בִּכְלָל נִישְׁט זָאגְן קֵיין תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶע'מוּסָרְ'ט דֶעם עוֹלָם אַז דָאס אִיז זֵייעֶר שׁוּלְד, וַוייל צוּלִיב זֵייעֶר פַארְגְרֶעבְּטְקֵייט קֶען דֶער רֶבִּי נִישְׁט זָאגְן תּוֹרָה, [וִוי בַּאקַאנְט אַז דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִּיק וֶוערְט דוּרְךְ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ אִים], אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶע'מוּסָרְ'ט דִי מֶענְטְשְׁן, בִּיז דֶער עוֹלָם אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט גָאר אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז אִים אוֹיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן אִינֶעם חָלוֹם דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט.

**תקנז**

מָאנְטַאג, ו' סִיוָן, יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּזַאמְגֶענוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶעס יָאר, אוּן אוּם מִיטָל נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט גָאר אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כ"ח, כ"ו) "וּבְיוֹם הַבִּכּוּרִים", (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ו).

דִי תּוֹרָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ גֶעוִויסֶע מַלְכוּת אִין זִיךְ, עֶר אִיז קֶענִיג אוּן הֶערְשְׁט אוֹיף עֶפֶּעס, עֶס אִיז דָא אַן אָפֶענֶע מַלְכוּת אוּן עֶס אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטֶענֶע מַלְכוּת, אוּן עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס כָאטְשׁ וָואס פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט אַז עֶר זָאל הָאבְּן סֵיי וֶועלְכֶע סָארְט מַלְכוּת, מֶען זֶעט נִישְׁט עֶר זָאל הָאבְּן עֶפֶּעס אַן הֶערְשַׁאפְט, אָבֶּער בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט הָאט עֶר אַ מֶמְשָׁלָה אוֹיפְ'ן גַאנְצְן דוֹר, אוּן אֲפִילוּ אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים פוּנֶעם דוֹר, אַלֶע זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען אוּנְטֶער זַיין הֶערְשַׁאפְט אוּן קֶענִיגְרֵייךְ, אַלֶע זֶענֶען אוּנְטֶערְטֶענִיגְט אוּן אוּנְטֶערְגֶעבּוֹיגְן אוּנְטֶער אִים, נָאר עֶס אִיז זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט קְלָאר אוֹיף זִיךְ, "עֶס דַאכְט זִיךְ אַייךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַ מֶמְשָׁלָה נָאר אוֹיף אַייךְ, אָבֶּער פַאקְטִישׁ בִּין אִיךְ דֶער מוֹשֵׁל אוֹיךְ אוֹיף אַלֶע צַדִּיקֵי הַדּוֹר, נָאר עֶס אִיז בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט".

**תקנח**

בַּיים סוֹף פוּן דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען בִּכְלָל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין י"ג:) "אֵלּוּ וְאֵלּוּ דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים", אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי חֲכָמִים קְרִיגְן זִיךְ, זֶענֶען בֵּיידֶע וֶועגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס קֶען מֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס זֶענֶען דִי דוּנֶערְן אִין הִימֶל, וִוי מֶען קֶען זֶען דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן אִינֶעוֵויינִיג אִין דִי תּוֹרָה.

שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי דָאס אִיבֶּערְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן עוֹלָם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ מֶען קֶען טְרֶעפְן אִין דִי קַבָּלָה סְפָרִים אַ תֵּירוּץ אוֹיף דִי קַשְׁיָא, אָדֶער אַנְדֶערֶע אַזֶעלְכֶע סָארְט קַשְׁיוֹת, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זֶענֶען מַסְבִּיר אַז דָאס וָואס אֵיינֶער אִיז מֵקִיל אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז מַחְמִיר, דָאס אִיז וַוייל אֵיינֶער אִיז פוּן חֶסֶד אוּן דֶער צְוֵוייטֶער פוּן גְבוּרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען בֵּיידֶע "דִבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים", אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אִיז אָבֶּער דֶער תֵּירוּץ נִישְׁט עֶכְט אַ תֵּירוּץ וָואס מֶען קֶען פַארְשְׁטֵיין מִיטְ'ן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "מִיר לָאז עֶמִיצֶער זָאגְן אַ תֵּירוּץ", וִוי צוּ זָאגְן 'זָאל זִיךְ אֵיינֶער אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן מִיר קֶענֶען מַסְבִּיר זַיין דֶעם תֵּירוּץ אַז עֶס זָאל טַאקֶע שְׁטִימֶען מִיטְ'ן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל', פַאקְטִישׁ אִיז דִי קַשְׁיָא נִישְׁט פַארֶענְטְפֶערְט, וַוייל אֵיינֶער זָאגְט דָאךְ אַז דִי זַאךְ אִיז כָּשֵׁר אוּן מֶען מֶעג עֶס עֶסְן, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער זָאגְט פַארְקֶערְט, אַז מֶען טָאר עֶס נִישְׁט עֶסְן, וִוי אַזוֹי זָאל אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶע שֵׂכֶל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת אוּן רִיכְטִיג? יֶעדֶער זָאגְט דָאךְ אַז דִי הֲלָכָה אִיז פַארְקֶערְט וִוי דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶע'פַּסְקְ'נְט.

[דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין חֲקִירוֹת אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ פַארֶענְטְפֶערְן דִי קַשְׁיוֹת. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן אַלֶע סָארְט סִפְרֵי חֲקִירָה, אֲפִילוּ דִי סְפָרִים פוּן צַדִּיקִים אוֹיף חֲקִירָה, וַוייל דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

דֶער עִיקָר דַארְף אַ אִיד זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן גְלוֹיבְּן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִיז אֱמֶת, אַלֶעס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז אִיז אֱמֶת, אוּן אוֹיבּ מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן עֶס נִישְׁט אִיז דָאס נָאר וַוייל מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אוּנְזֶער קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע שֵׂכֶל, אוּן מִיר גְלוֹיבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ וֶוען מִיר בְּלַייבְּן מִיט קַשְׁיוֹת וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.]

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# א פרישע מחזור אין תלמוד ירושלמי

דעם מאנטאג חיי שרה האבן פילע אנשי שלומינו זיך מיטגעכאפט מיט'ן וואגן, און אנגעהויבן מיט א פרישקייט דעם נייעם מחזור אין תלמוד ירושלמי.

ווי באקאנט האט מוהרא"ש זי"ע איינגעפירט אז אנשי שלומינו זאלן לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא תלמוד בבלי, א דף אין תלמוד ירושלמי, און א פרק אין תוספתא, און מיט דעם זיך אויפבויען א בי"ת נצחי, אן אייביגע הויז פאר זיך אויף יענע וועלט.

פילע אנשי שלומינו לערנען יעדן טאג דעם "בית נצחי", און שפירן א געוואלדיגע סיפוק רוחני וגשמי אין די לימודים. דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד, אז מען זאל לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה אפילו אויב מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט און מען געדענקט נישט וואס מען לערנט, אויף דעם וועג קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, טייל מאל פארשטייט מען מער און טייל מאל וויניגער, צומאל קען מען לערנען געהעריג מיט א חברותא און צומאל קען מען בלויז אפזאגן די ווערטער, אבער קיין איין טאג גייט נישט אריבער אן צו לערנען די הייליגע תורה.

אינעם טעגליכן בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך זונטאג שרייבט דער ראש ישיבה פאר אנשי שלומינו, "הדרן עלך תלמוד ירושלמי והדרך עלן, מיר ענדיגן היינט גאנץ תלמוד ירושלמי און מארגן הויבן מיר אן נאכאמאל. עס איז א גוטע צייט דו זאלסט אנהויבן לערנען יעדן טאג דעם בית נצחי, א בלאט ב'בלי א בלאט י'רושלמי און א פרק ת'וספתא, מיט דעם בויט מען זיך א ב'י'ת' נצחי בזה ובבא; דאס נעמט מען מיט, דאס וועט אונז באגלייטן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט".

דער ראש ישיבה שליט"א האט ווידער אנגעהויבן פארלערנען דעם טעגליכע בלאט גמרא אין ירושלמי, און מען קען דאס מיטהאלטן בעז"ה אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין.

**ולירושלים עירך ברחמים תשוב!**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ברוך אפפעלדארפער** הי"ו
צו די שמחת החתונה למזל טוב עב"ג פון זיין זון
החתן **שלמה אפפעלדארפער** הי"ו

***

מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו
צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון
הבחור **אפרים פישל** נ"י

***

מו"ה **עמרם רייכמאן** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **נח הערש ווייס** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## צוריסן און צופליקט

**ווען מען שפירט אינגאנצן צוריסן און צופליקט, וואס טוט מען אין אזא צייט? הערט א שיינעם שיעור מיט א קלארקייט אין דעם נושא**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 1, 25**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**